# פרשת משפטים י"ט – כ"ה שבט תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת משפטים***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **שמעון מרדכי ראטענבערג** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**איך** האב היינט צופרי אינזין געהאט, אז מצות מילה רופט מען אן מיטן לשון 'ברית'. שבת איז אויך א ברית (שמות לא-טז), און פון דעסטוועגן דאך ווען מען רעדט פון סתם א ברית, מיינט מען מצות מילה, שנכרתו עליה י"ג בריתות (נדרים לא:). - דאס ווארט ברי"ת, באטרעפט זעקס הונדערט און צוועלף. א מספר נאכדעם איז תרי"ג, עס איז דא תרי"ג מצות בתורה. און די מספר פאר ברית, איז תרי"א, דאס באטרעפט וויפיל תור"ה. קומט אויס אז די דריי מספרים גייען אין די רייע. תורה, נאכדעם קומט ברית, און נאכדעם קומט די תרי"ג מצות התורה.

**עס** איז באקאנט וואס עס שטייט אין **דעת זקנים מבעלי התוספות**, אויפן פסוק ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם (שמות כא-א), אז עס שטייט אין מדרש (תנחומא משפטים ה), אויפן פסוק (תהלים קמז-יט) מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל, לא עשה כן לכל גוי, אז אונקלוס הגר איז זיך געגאנגען מגייר זיין, און זיין פעטער אנדרינוס קיסר האט אים געפרעגט, מילא אז דו האסט געוואלט קענען זייערע חוקים און זייערע געזעצן פארשטיי איך, אבער פארוואס האסטו זיך געדארפט מל'ן. האט ער אים געזאגט, אז ביז א מענטש מל'ט זיך נישט, קען ער נישט פארשטיין די חוקי התורה. מגיד דבריו ליעקב, ווען איינער איז געמל'ט אזוי ווי יעקב. אבער לא עשה כן לכל גוי, א גוי קען נישט פארשטיין תורה. און מען זעהט עס במציאות, א קליין יונגעל פארשטייט מער צו א תוספות, פון וויפיל מען קען אריינלייגען אין אן ערוואקסענעם גוי א פשט אין א תוספות. תורה איז א קדושה וואס נאר ווען מען איז געמל'ט, קען מען זוכה זיין און משיג זיין קדושת התורה. וואס איז דער קשר, אז דער **דעת זקנים** ברענגט עס דא צו, ביי דעם פסוק פון ואלה המשפטים.

**עס** שטייט אין מדרש (אבכיר), אז ווען יודען זענען אדורך דעם ים סוף, האט מלאך גבריאל אויסגערופן צו אלע פיר זייטן פון די וואסערן ווי די יודען זענען געגאנגען, אז זיי זאלן נישט צוקומען צו יודען. און ער האט געזאגט, אז די מים שלפניהם זאלן זיך אוועקרוקן פון יודען, ווייל יודען זענען מקיים מצות מילה, וואס מצות מילה איז 'לפניו' פונעם מענטש. זעהט מען אז די מצוה פון מילה ווערט אנגערופן 'לפניו', ווייל אינעם גוף איז די ברית מילה חקוק פארענט פונעם מענטש. זאגט די תורה, ואלה המשפטים אשר תשים, דאס זענען די משפטים, די דיני התורה, וואס דו זאלסט לייגען פאר יודען, און ווי רש"י זאגט, אז מען זאל מסביר זיין די דיני התורה כשלחן הערוך ומוכן לאכול, דאס קענסטו נאר אראפלייגען פאר יודען, 'לפניהם', אויב זיי האבען די מצוה פון מילה וואס איז לפניהם, דעמאלטס קען מען אראפלייגען די תורה כשלחן הערוך, און דעמאלטס קען מען מקיים זיין די תורה.

**קומט** אויס, אז די מצוה פון מילה, דאס ליגט צווישן לימוד התורה, און קיום המצות. מצות מילה ברענגט צו אז מען זאל קענען האבען א השגה אין די מצות פון די תורה, און מען זאל קענען מקיים זיין אלע מצות פון די תורה. וועגן דעם איז די מספר פון ברית אינדערמיט, פון איין זייט איז דא תורה, און פון די אנדערע זייט איז דא תרי"ג מצות התורה, צו ווייזען אז כדי מען זאל האבען א השגה אין תורה, און מען זאל קענען מקיים זיין די מצות, מען זאל קענען נתקדש ווערן דורך די מצות, אשר קדשנו במצותיו, און האבען א דביקות אינעם אייבערשטען דורך די מצות התורה, מוז זיין די מצוה פון ברית מילה אינדערמיט. וועגן דעם איז אויך די מספר אזוי אויסגעשטעלט, תור"ה און ברי"ת און תרי"ג מצות התורה.

**וועגן** דעם וואונטשט מען אן ביי א ברית, כשם שנכנס לברית, אזוי ווי ער איז אריינגעגאנגען לברית, און מען האט אים יעצט געגעבן די שורש, אז ער זאל קענען אויסוואקסען א ערליכער יוד, און מקיים זיין די מצות פונעם אייבערשטען, כן

יכנס, זאל ער עס קענען מיטנעמען, לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

*

***יום שני פרשת משפטים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **לוי מיכאל גראסס** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורון דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר התפלה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יחיאל מיכל זיכערמאן** ע"ה (וומסב"ג).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה ובחן את הבחורי חמד על החזרה של סימן שכ"ח (הל' רפואה בשבת). אחר כך מסר שיעורו היומי.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** הווארט של החתן **עזריאל יהודה שטערן** נ"ו בן הר"ר **אברהם שטערן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יודא לייב בוים** הי"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **לוי מיכאל גראסס** הי"ו, שהתקיים באולם ראוז גארדען.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרה"ג רבי **נפתלי הערצקא צוויבל** שליט"א, עב"ג בן **הרב שלמה ווייס** שליט"א, שהתקיים באולם ראוז קעסטל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום שלישי פרשת משפטים***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **אלי' שלמה קרעמער** הי"ו, שהתקיים בבית מדרשנו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק להשתתף במסיבת הכנה להדינער לטובת המתיבתא, שהתקיים לנגידי קהלתנו הק', בבית הר"ר **חיים אריה רובין** הי"ו, חבר הנהלת המתיבתא.

***וזה תוכן השיחה:***

**פותחין** בכבוד האכסניא, מקצת שבחו בפניו, רבי חיים האט זיך אריינגעלייגט בלב ובנפש צוצוהעלפען אויפצובויען די ישיבה. ער האט אוועקגעגעבן דערויף אסאך צייט און שעות, און ב"ה חפץ ה' בידו הצליח, ער האט אויפגעשטעלט אזא שיינעם מקום תורה, ער האט א געוואלדיגע זכות הרבים. איך קען זאגען, איך בין שוין אין די ישיבה געננג יארן, **איך האב נאכנישט געזען די ישיבה אין אזא שיינע מצב, ווי עס שטייט היינט.** דאס יראת שמים, דאס ערנסטקייט פון די בחורים איינס ביי איינס, ווי אזוי מען לערנט און מען דאווענט, עס איז א מקום מצוין, איך מיין אז מען קען זעלטן טרעפן אזא שיינעם מקום. עס איז נישט מיינע כוחות, נאר די מגידי שיעורים, די ראשי ישיבה, די מנהלים, וואס לייגען אריין כוחות אין די ישיבה, איך געב צו מיין חלק וואס איך קען צולייגען. אבער די עיקר חלק איז נישט פון אונז אלע, די עיקר חלק איז פון די וואס העלפען צו דערצו, אז עס זאל קענען זיין. דער אייבערשטער האט אזוי באשאפן די וועלט, אז עס דארפן זיין די וואס זענען משפיע תורה, און די וואס זענען מחזיקי תורה. און חלק כחלק יאכלו, אלע נעמען א חלק אין די תורה.

**עס** שטייט אין תנא דבי אליהו (פרק יז), ווען יודען האבען געזאגט נעשה ונשמע, מיד אמר הקב"ה ויקחו לי תרומה. די וועלט טייטשט פשוט, אז ווען יודען האבען געזאגט, אז זיי גייען מקבל זיין די תורה, האט דער אייבערשטער געזאגט, ויקחו לי תרומה, ווייל מען דארף האבען דערצו די וואס זאלן מחזיק זיין די תורה. מען קען אפשר צוגעבן דערצו, א קליינע נקודה. ווען משה רבינו איז געקומען פארלייגען פאר יודען די תורה, שטייט אין פסוק (שמות כד-ג) ויען כל העם קול אחד ויאמרו, יעדער האט געזאגט 'נעשה ונשמע'. דער לשון איז א שווערע לשון, עס וואלט געדארפט שטיין, אז יעדער האט געזאגט 'אעשה ואשמע', איך וועל טון, און איך וועל הערן. מען רעדט דאך פון יעדעם פאר זיך. ווען איינער שטעלט זיך אויף,

און ער געבט איבער וואס דער גאנצער ציבור האט געזאגט, זאגט ער, אז די אלע וואס זענען דא געווען האבען צוזאמען געזאגט נעשה ונשמע. אבער ווען מען רעדט פון יעדן איינעם פערזענליך, ויען כל העם קול אחד ויאמרו, וואס יעדער פאר זיך האט געענטפערט, האט יעדער געזאגט דערויף 'אעשה ואשמע'. וואס איז די לשון פון 'נעשה ונשמע', מיר וועלן טון און מיר וועלן הערן.

**די** פשט דערפון איז, יודען האבען פארשטאנען אז עס קומט א תורה, וואס מען דארף מקיים זיין תרי"ג מצות התורה, זיי האבען געוואוסט וואס תורה איז, די אבות האבען שוין מקיים געווען כל התורה כולה עד שלא ניתנה (יומא כח:), צדיקים האבען מרגיש געווען וואס תורה איז, אזוי ווי אברהם אבינו. א טייל מפרשים זאגען, אז זיי האבען נישט געוואלט מקבל זיין די תורה, ווייל זיי האבען שוין געוואוסט וואס תורה איז, און מען דארף נישט קיין קבלה, מען קען עס מקיים זיין אזוי ווי א אינו מצווה ועושה, האבען זיי געוויסט אז די תורה באשטייט פון תרי"ג מצות התורה. און ווילאנג א מענטש איז זיך נישט משלים אין אלע תרי"ג מצות התורה, האט ער נאר געטון א חלק פון וואס ער דארף, און ער האט נישט זיין שלימות. יעדער מענטש האט שס"ה גידין און רמ"ח אברים, אקעגן די מצות לא תעשה און מצות עשה, און די שלימות פון א יוד איז, ווען ער איז מקיים כל התורה כולה. ווי אזוי קען א יוד מקיים זיין כל התורה כולה, עס איז דא מצות וואס זענען געגעבן געווארן נאר פאר כהנים, נאר פאר לוים, און נאר פאר ישראלים. און וואס איז שייך ביי ראובן, איז נישט שייך ביי שמעון, ווי אזוי קען א יוד מקיים זיין כל התורה כולה.

**שטייט** אין הייליגע ספרים, אז ווען יודען זענען זיך מאחד אינאיינעם, עס איז דא אחדות ביי יודישע קינדער, יעדער פילט אז איך בין א חלק פון יענעם, איך טו צוהעלפען פאר א צווייטען צו טון זיינע מצות, ווערט דער כלל ישראל גערעכנט אזוי ווי זיי וואלטען געווען א גוף אחד. און אזוי ווי א מענטש וואס איז מקיים די מצות, טוט ער א חלק פון די מצות מיט די האנט, און א חלק מיט די פוס, און א חלק מיט די אויגן, און א חלק מיטן דיבור, און א חלק מיט די מחשבה, אבער דער מענטש האט עס געטון, אפילו ער האט עס געטון מיט אנדערע אברים. אזוי אויך איז דער כלל ישראל א קומה שלימה, עס איז דא יודען וואס זענען די קאפ, און עס איז דא יודען וואס זענען די הענט, און צוזאמען ווערט אויפגעשטעלט די גאנצע תורה.

**על** שלשה דברים העולם עומד, על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים (אבות א-א). בדרך כלל איז זייער שווער אז א מענטש זאל זיך קענען אויסארבעטן אין אלע דריי חלקים. אויב ער איז אין תורה, האט ער נישט קיין צייט צו טון אין גמילות חסדים, איז ער אין גמילות חסדים, קען ער אסאך מאל נישט עוסק זיין אין תורה. **אבער ווען יודען שטעלן זיך צוזאם אין כלל ישראל, דער וואס איז ראוי צו לערנען תורה, און מרביץ זיין תורה, און מעמיד זיין תלמידים, ער טוט זיין חלק וואס ער קען טון אין תורה, און מיר וועלן טון אונזער חלק מחזיק צו זיין תורה, און צוהעלפען אז דער לומד תורה זאל קענען אויספירן וואס ער דארף. צוזאמען ווערט דער גאנצער כלל ישראל גערעכנט ווי איינס, און עס ווערט גערעכנט אויף יעדעם איינעם, ווי ער האט זוכה געווען אין אלע עמודי עולם.**

**און** אזוי איז אויך געווען ביים משכן. דער אייבערשטער האט געהייסען אז מען זאל אויפשטעלן א משכן פארן אייבערשטען. ווער האט אויפגעשטעלט די משכן, בצלאל, משה וכדומה. אבער אויב ער האט נישט די כסף מיט די זהב און די אלע י"ג חלקים וואס האט אויסגעפעלט אויפצובויען די משכן, איז נישט דא א משכן פארן אייבערשטען. **אויב די וואס האבען געהאט די זילבער מיט די גאלד, האבען נישט געגעבן זייער זילבער און גאלד, און די וואס האבען געהאט עצי שטים, האבען נישט געגעבן די עצי שטים, איז נישט דא א משכן פארן אייבערשטען. עס קען זיין משה רבינו, עס קען זיין בצלאל מיט אהרן, מען קען נישט בויען א משכן פון זיי.** ווען יודען האבען צוגעשטעלט די נדבות המשכן וואס עס דארף צו זיין, דעמאלטס האבען זיי געקענט אויפשטעלן די משכן. און ווען מען האט אויפגעשטעלט די משכן, ווער באקומט די קרעדיט אויף אויפשטעלן די משכן,ביידע. די קרעדיט

קומט פאר בצלאל, וואס מיט זיין חכמה און קדושה האט ער אהערגעשטעלט א בית ה', אבער די וואס האבען געגעבן די צוגעהערן וואס מען דארף האבען דערצו, די האבען אויך אויפגעשטעלט די משכן פונעם אייבערשטען.

**און** דער אייבערשטער האט געוואלט, אז א יעדער יוד זאל האבען א חלק אין די נדבות המשכן. עס איז געווען טאקע אזעלכע נדבות וואס איז געווען אשר ידבנו לבו, יעדער האט געגעבן וויפיל ער האט געהאט נדיבות הלב, אבער אפילו א מענטש וואס האט נישט געהאט קיין נדיבות הלב, האט די תורה געהייסען אז יעדער דארף געבן א מחצית השקל, דו מוזט האבען א חלק אינעם משכן ה'. אין די אדנים פונעם משכן, האט יעדער איינער פון די שישים רבוא יודען געהאט א חלק, און עס איז נישט געווען איינער וואס האט נישט געהאט א חלק דערין. ווייל אזוי ווערט צוזאמגעשטעלט תורה. תורה פאר זיך אליין האט נישט קיין קיום, אנדעם וואס עס איז דא די מחזיקי התורה וואס טוען צוהעלפען, און צוזאמען ווערט א יוד אויסגעארבעט, אז ער איז מקיים די שלימות פון די גאנצע תורה.

**ווען** יודען האבען געהערט אז דער אייבערשטער וויל זיי געבן די תורה, האבען יודען גיזאגט, אעשה ואשמע?!, קען איך דען טון די גאנצע תורה. וועל איך זיין אין ביזנעס, קען איך נישט זיצען און לערנען. וועל איך זיצען און לערנען, קען איך נישט טון קיין צדקה וחסד. אבער 'נעשה', מיר נעמען זיך פאר, אז מיר אלע צוזאמען וועלן טון די גאנצע תורה. איך וועל טון וואס איך קען, און שמעון וועט טון וואס ער קען, און לוי וועט טון וואס ער קען, און צוזאמען גייען מיר אויפבויען א משכן פארן אייבערשטען. און דורך דעם וואס יעדער איינער האט זיך צוזאמגעשטעלט צו בויען א משכן פארן אייבערשטען, קען מען מקיים זיין כל התורה כולה.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז אויב א יוד איז נישט מקיים די גאנצע תורה, דארף ער צוריקקומען נאכאמאל בגלגול, משלים צו זיין וואס ער האט פארפעלט. תורת ה' תמימה משיבת נפש (תהלים יט-ח), תורת ה' תמימה, א מענטש דארף מקיים זיין תורת ה', תמימה, אינגאנצן. און טאמער נישט, 'משיבת נפש', דארף דער נפש נאכאמאל אראפקומען. ווי אזוי קען א מענטש מקיים זיין כל התורה כולו? ווען ער איז זיך מתאחד, און ער טוט ארויסהעלפען פאר א צווייטען. קומט אויס, אז אפילו ער איז נישט עוסק אליין אין תורה די גאנצע טאג, ער איז אין ביזנעס און ער טוט וואס ער דארף צו טון, אבער אין די צייט וואס ער טוט זיינע געשעפטן זיצען בחורים און לערנען. און ווי מען האט פריער געהערט (מאת המנהל **הרב פישל לעווי שליט"א**) אז היינט ווען בחורים זיצען און לערנען, מיינט עס נישט נאר די מצוה פון לימוד התורה, עס איז היינט א גאנץ קליינער חלק פון א בחור אין ישיבה, דאס וואס מען שטעלט אים אויף, אז ער זאל קענען לערנען. די עצם זאך אז ער זיצט אין ישיבה, און עס ווערט אריינגעלייגט אין א בחור יראת שמים, אז ווען ער דארף ארויסגיין פון ישיבה זאל ער ח"ו נישט פארפאלן ווערן. ווען ער וואלט זיך נישט געפונען אין ישיבה, ווי וואלט ער היינט יא געווען. די מצוה דערפון איז אסאך און אסאך א העכערע מצוה ווי דאס עצם לימוד התורה, ווייל דאס האלט אים אויף זיין גאנצע יודישקייט.** און ווער עס האט א חלק דערין, אוודאי די וואס טוען אין ישיבה אליין, די נעמען א חלק בפועל. אבער די וואס שטייען אונטער דעם, די וואס שטייען אינטערן רוקן, און זיי טוען ארויסהעלפען, און זיי זענען מחזיק די תורה, די האבען א חלק אין די חשיבות פונעם לימוד התורה.

**ווען** יודען האבען דאס פארשטאנען, האבען זיי געזאגט, נישט 'אעשה ואשמע', 'איך' וועל טון און 'איך' וועל הערן, נאר 'נעשה ונשמע' מיר אלע צוזאמען וועלן טון. מיד אמר הקב"ה ויקחו לי תרומה, אויפצושטעלן א משכן קען מען אויך נאר אזוי, ווען עס וועט זיין נעשה ונשמע, יעדער וועט טון וואס ער קען. די וואס קענען אריינלייגען די קדושה אינעם משכן, וועלן אריינלייגען די קדושה. יודע היה בצלאל לצרף אותיות שבהם נבראו שמים וארץ (ברכות נה.), ער האט געוויסט מיט זיין קדושה, ווי אזוי מען שטעלט אויף א בית פארן אייבערשטען. און יודען וועלן זיך צוזאמשטעלן, און יעדער וועט געבן נדבות המשכן, דעמאלטס וועט מען קענען אויפשטעלן א משכן פארן

אייבערשטען. ווען יודען האבען דאס פארשטאנען, און זיי האבען געזאגט נעשה ונשמע, מיד אמר הקב"ה, דעמאלטס האט דער אייבערשטער געזאגט, ויקחו לי תרומה.

**ווילאנג** האט געדויערט אויפצושטעלן די משכן? שטייט אין מדרש (שמו"ר מא-ב) אז מען האט צוזאמגענומען די גאנצע נדבות המשכן וואס האט אויסגעפעלט, אין צוויי טאג. און מען האט געדארפט אויסרופן אז עס איז שוין גענוג, און מען דארף שוין מער נישט ברענגען. וויפיל זילבער און גאלד איז אריינגעאנגען אינעם משכן, וויפיל טויזנטער ככרים האט אויסגעפעלט, אז מען זאל מצרף זיין, אז מען זאל האבען איין ככר פון ריין גאלד, נאר פאר די מנורה אליין. און וואס טוט זיך נאך מיט די אנדערע זאכען וואס האט אויסגעפעלט צו די משכן. און מען האט געארבעט פעסט, און עס איז צוזאמגעשטעלט געווארן אלע כלים וואס האט אויסגעפעלט פארן משכן ה' פון חודש תשרי ביז חנוכה. ווען יודען זאגען נעשה ונשמע, מיר וועלן טון צוזאמען, זאגט דער אייבערשטער ויקחו לי תרומה, אויף דעם אופן קען מען בויען א משכן פארן אייבערשטען.

**אלע** וואס זיצען דא זענען נדיבי לב, אויב נישט וואלטן זיי נישט געקומען. איר האט א געפיל צו תורה, און אן עקסטערע געפיל צו דעם מקום. **רובם זענען תלמידים וואס זענען נתחנך געווארן אין דעם מקום, מען האט זיך אליין אויפגעשטעלט, און מען האט אויפגעשטעלט שטובער, וואס א גרויס חלק דערפון האט מען, פון די תורה און די קדושה וואס מען האט באקומען אין דעם מקום, האט מען אוודאי א געפיל פאר דעם מקום, און מען וויל העלפען, און נעמען א חלק אין די עבודת הקודש, אז מען זאל קענען ווייטער בויען, און אויפשטעלן אז די מתיבתא זאל קענען ווייטער בליען.**

**דער** באשעפער זאל ענק באצאלן מיט אלעם וואס מען דארף האבען, דארט ווי עס איז דא תורה איז דא אלעס. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, אורך ימים בימינה, ובשמאלה עושר וכבוד, עס ברענגט אריכת ימים און עושר וכבוד. 'ויקחו' לי תרומה, מען 'געבט' נישט א תרומה פארן אייבערשטען, נאר מען 'נעמט' א תרומה. **וויפיל א מענטש אינוועסטירט פאר תורה, זעהט ער צוריק די ברכה אין זיינע געשעפטען אויף כמה וכמה אופנים. וואס ווער עס איז נאר אביסל אין ביזנעס ווייסט, אז אין ביזנעס אליין מיט איין גוטע דריי, קען מען ווערן א עושר, און מיט איין שלעכטע דריי ח"ו, פארלירט מען אסאך. און די סייעתא דשמיא און די הצלחה וואס מען האט, ווענט זיך אין וויפיל א יוד געבט אוועק פאר תורה, לויט דעם נעמט ער צוריק די ברכה פונעם אייבערשטען.** זאלן מיר אלע געבענטשט ווערן מיט שפע ברכה און הצלחה, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של בן ש"ב הרב **צבי יהודא פאללאק** שליט"א (בן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), עב"ג בת הרב **אהרן וויס** שליט"א (מאנסי), שהתקיים באולם עטרת תפארת. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרב **יואל צבי ראטענבערג** שליט"א (וומסב"ג), עב"ג בן הרב **מנחם זאב פריעדמאן** שליט"א, שהתקיים באולם ויואל משה.

*

***יום רביעי פרשת יתרו***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הלויה של הר"ר **יוסף פארגעס** ע"ה (ב"פ), שהתקיים בבית הלוויות שומרי הדת.

אחר הלויה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הגה"צ רבי **אליעזר שלמה שיק** זצ"ל מנהיג קהילת היכל הקודש ברסלב (ב"פ).

***וזה תוכן השיחה:***

**בנו:** דער סאמבאטהעלער רב איז געווען מיין מוהל.

**רבינו:** איך האב געוויסט אז ער איז געווען מוהל אין די משפחה. ביי ביידע ברודערס?

**בנו:** יא. דער רב האט געקענט דעם טאטען?

**רבינו:** מיר פלעגן זיך טרעפן אויף ברית'ן מערערע מאל.

**בנו:** ער האט געלערנט מיטן ברודער (**הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**) בחברותא אין קאשוי.

**רבינו:** דער זיידע, דער טאקאי'ער רב (**הגה"צ רבי מנחם זאב שיק זצ"ל** בעמח"ס **מנחת זאב**), האט מיר געזאגט, אז ער האט געלערנט ביים זיידען אין סערדאהעלי א שטיק צייט.

**בנו:** ער האט באקומען פון אים סמיכה. איך האב געזען די סמיכה פונעם זיידען.

**רבינו:** עס ליגט ביי ענק?

**בנו:** יא.

**רבינו:** עס וואלט מיר געווען א חשיבות צו האבען א קאפי פון דעם. אויב מען וועט אמאל דריקען זאל מען עס קענען אריינשטעלן. אין זיידענ'ס תשובות (**מנחת זאב**) איז נישט געדרוקט די סמיכה.

**בנו:** ער האט אויך באקומען סמיכה פונעם **מהרש"ג**, און פונעם **קאלוב'ער רב** (בעל **באר מנחם**), און פון זיין זיידען דער **לוגאש'ער רב** (**הגה"צ רבי אליעזר מאיר שיפמאן זצ"ל**), און פונעם **מאד'ער רב**. דער **מהרש"ג** האט געשריבען אויף אים 'אדם אחד מאלף מצאתי בקי כזה'.

**רבינו:** דער **מהרש"ג** האט נישט געשריבען אזוי שנעל אזעלכע טיטלען.

**בנו:** ער האט אים זייער שווער פארהערט, צוויי דריי טעג. דער זיידע איז געווען א גאון עולם.

**רבינו:** דער טאטע איז געווען א פריינטליכער מענטש, ער האט מקרב געווען יודען.

**א' הנוכחים:** ער האט אייביג געהאט די ריכטיגע ווארט צו זאגען פאר יעדן איינעם.

**רבינו:** דאס איז שוין מן השמים.

**בנו:** ער האט אסאך אויפגעטון. ער איז אזוי פלוצלינג אוועק.

**רבינו:** כי לא ידע האדם את עתו. אן ערליכער יוד איז זיך אסאך מאל משלים פריער.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת ראזענבערג ע"ה (אשת הר"ר **משה צבי ראזענבערג** הי"ו).

***וזה תוכן השיחה:***

**בנה הר"ר אשר אנשיל:** נאך וועם האט דער סערדאהעלער רב געהייסען אשר אנשיל?

**רבינו:** דער זיידע (**הגה"צ רבי יונתן בנימין כ"ץ זצ"ל**) האט געוואוינט אין טשענגער, און ער איז געווען א תלמיד פונעם **מנוחת אשר**, האט ער א נאמען געגעבען נאך זיין רבי'ן.

**א' האבלים:** מיר זענען טשענגער'ער איייניקלעך. איך הייס אויך אשר אנשיל. מיין מאמעס טאטע האט געהייסען אשר אנשיל (ה"ה **הגה"צ רבי אשר אנשיל גרינוואלד זצ"ל** בעמח"ס **זוכר הברית** ושא"ס), ער איז געווען א זון פון רבי מאיר, וואס איז געווען א איידעם פון **רבי יהושע ברוך רייניץ** (אב"ד טשעטשאוויץ, בן **הגה"ק רבי נתן פייטל זצ"ל**, אב"ד מאד), וואס איז געווען אן איידעם ביים **טשענגער'ער רב** (בעל **מנוחת אשר**).

**רבינו:** רבי נתן פייטל ליגט אין מאד.

**א' האבלים:** מען נוצט מן הסתם זיינע ספרים, **זוכר הברית**.

**רבינו:** ער האט געמאכט אסאך ספרים. **קיצור נחלת שבעה, מנחה חדשה**.

**א' האבלים:** דער זיידע האט געוואוינט אלע יארן אין טשענגער?

**רבינו:** יא. ער ליגט דארט אין בית החיים. זיין פאטער **רבי מרדכי אברהם** ליגט אויך דארט. דער זיידע האט געהייסען נאכן רב דארט, **רבי יונתן בנימין עסטרייכער זצ"ל**. - איך הייס נאך מיין זיידע דער **סערדאהעלער רב**, און אזוי ווי ער איז אוועק ביי די קריג, האט מיין טאטע מסופק געווען צו ער זאל צוגעבען א נאמען צו נישט. האט ער אינזין געהאט, אז ער גיט א נאמען אויך נאכן **מנוחת אשר**.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **יקותיאל גאלדבערגער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יודא שלעזינגער** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **מתתי' ציגעלהיים** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שמעון ניישטיין** הי"ו, שהתקיים בבית הר"ר **שמעון ציגעלהיים** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד באמירת השבע ברכות, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

***יום חמישי פרשת משפטים***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לעיר לעיקוואוד והתפלל תפלת שחרית בבית המדרש חסידים. אחר שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יונה שטרייכער** הי"ו (בן הר"ר **מיכאל דוב שטרייכער** הי"ו, מאנסי). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**עס** שטייט אין די גמרא (שבת קלז:) אז אויסער דעם וואס דער מוהל מאכט די ברכה אשר קדשנו במצותיו וצונו על המילה, מאכט אויך דער טאטע אן עקסטערע ברכה, להכניסו בבריתו של אברהם אבינו. ער דאנקט דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער האט אים געגעבן די מצוה, אז ער זאל אריינברענגען זיין קינד אין ברית פון אברהם אבינו. יעדע ברית מילה איז א ברית וואס דער אייבערשטער מאכט צווישן זיך און דעם קינד. מיט דעם וואס ער מל'ט זיך, קומט ער אריין אינעם ברית פונעם אייבערשטען. פארוואס רופט מען עס אן בריתו של אברהם אבינו, עס איז נאר געגעבן געווארן דורך אברהם אבינו, ער איז נאר אן אדרעס פון ווי עס איז געקומען. מען זאגט נישט ביי א יעדע מצוה וואס איז געגעבן געווארן דורך משה רבינו, אז מיר גייען טון די מצוה וואס איז געגעבן געווארן דורך משה רבינו, און פארוואס ביי די מצוה פון מילה זאגט מען, אז דער אייבערשטער האט אונז געהייסען, אז מיר זאלן אים מכניס זיין אינעם ברית פון אברהם אבינו.

**ווען** דער אייבערשטער האט געהייסען פאר אברהם אבינו אז ער זאל זיך מל'ן, שטייט אין פסוק (בראשית יז-ט) ויאמר אלקים אל אברהם, ואתה את בריתי תשמור, אתה וזרעך אחריך לדורותם. און רש"י שטעלט זיך, ער רעדט דאך נאר צו אברהם אבינו, ויאמר אלקים אל אברהם, וואס איז די לשון ו'אתה את בריתי תשמור, מיט א וא"ו המוסיף. זאגט רש"י, וא"ו זו מוסיף על ענין ראשון, אני הנה בריתי אתך, איך מאך מיט דיר א ברית, ואתה הוה זהיר לשמרה, און דו זאלסט אפהיטן די ברית. ואתה, איך געב די ברית מיט דיר, און דו זאלסט אפהיטן די ברית, אז דו זאלסט עס מקיים זיין, דאס איז די וא"ו המוסיף. - און עס איז דא נאך א דיוק אינעם פסוק. די פסוק זאגט, 'ואתה' את בריתי תשמור, 'אתה' וזרעך אחריך לדורותם. וואס איז נאכאמאל די ווארט 'אתה'. עס וואלט געדארפט שטיין, אז דער באשעפער האט אים געזאגט, ואתה את בריתי תשמור, דו זאלסט אפהיטן די ברית, וזרעך אחריך לדורותם, און דיינע קינדער אויך.

**שפעטער** שטייט אין פסוק (שם יז-כג) אז אברהם האט זיך געמל'ט, צוזאמען מיט די מקנה כסף און די ילידי ביתו, און נאכדעם איז דא נאך א פסוק (שם יז-כז), וכל אנשי ביתו, יליד בית, ומקנת כסף מאת בני נכר, נמולו אתו. עס איז דאך שוין געשטאנען פריער, אז ער האט זיך געמל'ט צוזאמען מיט די ילידי בית, פארוואס חזר'ט דער פסוק נאכאמאל איבער, וכל אנשי ביתו יליד בית ומקנת כסף נמולו אתו.

**קען** זיין אז די כוונה דערפון איז, עס שטייט די וואך אין **ייטב לב** (סוף פ' משפטים), אז די גמרא (נדרים לג:) זאגט, אז ווען איינער מאכט א נדר, אז ער וויל נישט נהנה זיין פון ערלים, איז די הלכה, אז ער מעג נהנה זיין פון א יוד וואס איז אן ערל. ווייל א יוד, אפילו ער איז נאך אן ערל, ווערט ער גערעכנט אזוי ווי ער איז א נימול. עס איז נאר דא א סיבה, עס איז א מקרה, אז ער איז אן ערל. ווען ער זאגט, אז ער וועט נישט נהנה זיין פון מולים, פון געמל'טע, מעג ער נהנה זיין פון א גוי וואס איז געמל'ט, ווייל מולים מיינט דווקא א ישראל.

**איז** דער **ייטב לב** מסביר, און ער זאגט, אז עס שטייט אין מדרש (ב"ר מט-ב), אז ווען אברהם אבינו האט זיך געמל'ט, איז ער געווען א זקן, און ער האט מורא געהאט זיך אליין צו מל'ן. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, האב נישט קיין מורא, איך וועל דיר העלפען מיטן ברית. כביכול דער אייבערשטער האט גענומען זיין האנט, און מיטגעלייגט מיט די האנט פון אברהם אבינו, און אזוי האט זיך אברהם אבינו געמל'ט. וועגן דעם זאגט מען וכרות 'עמו' הברית (נחמיה ט-ח), דער אייבערשטער צוזאמען מיט אברהם אבינו. זאגט דער **ייטב לב**, פארוואס האט דער אייבערשטער אזוי געטון. דער באשעפער האט דאך געקענט געבן כח פאר אברהם אבינו, אז ער זאל זיך קענען

אליין מל'ן. פארוואס האט דער אייבערשטער אזוי געטון, אז אברהם אליין האט מורא געהאט, און דער אייבערשטער האט צוגעלייגט זיין האנט, אז ער זאל זיך מל'ן צוזאמען.

**זאגט** דער **ייטב לב**, אז דער טעם דערפון איז, ווייל מילה איז נישט נאר ערלת בשר, יעדע מילה איז אן ערלת הלב אויך. מענטשען זענען באשאפן געווארן מיט א יצר הרע, די הארץ פון א מענטש איז פארשטאפט. און דורך דעם וואס א יוד מל'ט זיך, קען ער צוקומען דערצו, אז נישט נאר ונמלתם את בשר ערלתכם (בראשית יז-יא), נאר ומלתם את ערלת לבבכם (דברים י-טז). זאגט דער **ייטב לב**, ווען אברהם אבינו האט זיך געמל'ט, האט ער געמל'ט דעם ערלת הלב וואס איז דא ביי יודען, אין אלע דורות שפעטער נאך אים. פון ווי האט אברהם אבינו געהאט אזא כח, אז דורך דעם וואס ער מל'ט זיך, זאל ער קענען אוועקנעמען די ערלת הלב פון אלע דורות שפעטער, דאס איז דאך א נצחיות'דיגער כח. האט ער געמוזט האבן, אז דער אייבערשטער זאל אים מיטהעלפען בשעת ער מל'ט זיך, און וואס דער אייבערשטער טוט איז א נצחי, וועט דאס געבן א כח פאר אלע דורות שפעטער, אז דורך דעם וואס אברהם האט זיך געמל'ט, איז אוועקגענומען געווארן פון אונז די ערלת הלב. - וועגן דעם האט דער אייבערשטער אזוי צוגעפירט אז אברהם אבינו זאל זיך נישט קענען אליין מל'ן, נאר דער אייבערשטער זאל מל'ן, כדי דורך דעם זאלן געמל'ט ווערן פאר אלע יודען אין אלע דורות זייער ערלת הלב. - עס בלייבט אבער דאך איבער ביי יעדן מענטש עפעס א חלק פון דעם ערלת בשר. מיט דעם וואס ער איז נאכדעם מקיים די מצוה פון ברית מילה, און ער מל'ט זיין ערלת בשר, איז ער יעצט משלים די מילה פון אברהם אבינו, וואס דורך זיין מילה האט יעדער באקומען א מילה אין ערלת הלב. אזוי איז מסביר דער **ייטב לב**.

**קומט** אויס, אז א יעדע יוד איז בעצם א נימול ווען ער ווערט געבוירן, ווייל ער איז שוין נימול געווארן דורך אברהם אבינו, און עס איז צוגענומען געווארן זיין ערלת הלב. ער האט נאר א געוויסע זאך וואס איז א מונע, אז ווילאנג ער איז נישט מל די ערלת בשר, קען ער נישט צוקומען צו די שלימות פונעם מילת ערלת הלב, אבער בעצם ווערט ער גערעכנט פאר א נימול. אבער א גוי אפילו ווען ער וועט זיך מל'ן, וועט ער אבער ווייטער בלייבען מיט זיין ערלת הלב. קומט אויס, אז ער ווערט נישט גערעכנט פאר א נימול.

**מיט** דעם איז זייער מדוייק די פסוק, וכל אנשי ביתו יליד בית ומקנת כסף מאת בן נכר נימולו אתו, מען מיינט נישט די ילידי בית וואס זענען געבוירן געווארן ביי אים אין שטוב. דאס זאגט שוין דער פסוק פריער, אז אברהם האט זיך געמל'ט, צוזאמען מיט די ילידי בית. נאר וכל אנשי ביתו, אלע אנשי ביתו און ילידי בית, וואס וועלן געבוירן ווערן אין א יודישע שטוב, נימולו אתו, זענען שוין געמל'ט געווארן צוזאמען מיט אברהם אבינו.

**און** דאס איז געקומען דורך דעם וואס דער אייבערשטער האט צוגעהאלפען פאר אברהם אבינו, וכרות עמו הברית, איז עס געווארן א נצחיות. ויאמר אלקים אל אברהם, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר אברהם, ואתה את בריתי תשמור, עס איז א וא"ו המוסיף, איך צוזאמען מיט דיר. דו אליין וועסט נישט קענען מקיים זיין דיין ברית, ווייל דו ביזט דאך א זקן, און איך וועל זיין דארט, און איך וועל צוהעלפען, און צוזאמען מיט מיר וועסטו זיך מל'ן. וואס וועסטו מיט דעם אויפטון, פארוואס דארף זיין אז איך זאל דיר צוהעלפען, ווייל איך וויל אז עס זאל זיין, אתה וזרעך אחריך לדורותם, אתה, ווען דו מל'סט דיך, זאל עס זיין מיט זרעך אחריך לדורותם, עס זאל איבערלאזען א פעולה אויך אויף שפעטער. און דאס אז עס זאל זיין א נצחיות, קען נאר דער אייבערשטער טון, וועגן דעם 'ואתה את בריתי תשמור', איך צוזאמען מיט דיר וועלן מקיים זיין דיין ברית מילה, און דורך דעם וועט זיין, 'אתה וזרעך אחריך לדורותם', אז אין אלע דורות וועלן דיינע קינדער געמל'ט ווערן צוזאמען מיט דיר.

**קומט** אויס, אז ווען א טאטע איז מכניס זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו, איז ער נישט מקיים א פריוואטע מצוה וואס האט זיך יעצט אנגעהויבן. דאס קינד איז יעצט געבוירן געווארן, און יעצט טוט

ער אים מל'ן. נאר ווען דאס קינד ווערט געבוירן, האט ער שוין אויף זיך די ברית פון אברהם אבינו, ווייל בשעת אברהם אבינו האט זיך געמל'ט, האט ער אוועקגענומען דעם ערלת הלב פון אלע דורות וואס וועט זיין אין כלל ישראל. נאר עס איז דאך דא א מונע, דאס וואס ער איז אן ערל. מיט דעם וואס איך נעם יעצט אוועק זיין ערלת בשר, טו איך אים אריינלייגען אין דעם ברית פון אברהם אבינו, וואס אברהם אבינו האט זיך געמל'ט. וועגן דעם זאגט מען די ברכה אשר קדשנו במצותיו וצונו להכניסו בבריתו של אברהם אבינו, איך טו יעצט אריינברענגען דאס קינד בבריתו של אברהם אבינו. ווייל ווען אברהם אבינו האט זיך געמל'ט, איז עס געווען אתה וזרעך אחריך לדורותם, עס איז געווען אויך אויף אלע דורות שפעטער, און עס איז נאר דא א מונע, אז א מענטש זאל נישט קענען צוקומען אז עס זאל נתגלה ווערן זין ערלת הלב, וואס ער האט שוין באקומען דורך אברהם אבינו. און כדי עס זאל נתגלה ווערן די מילה פון אברהם אבינו, מוז ער זיך יעצט מל'ן. אבער יעצט ווען ער מל'ט זיך, איז נישט געשען יעצט די מילה, נאר יעצט קומט ער אריין בבריתו של אברהם אבינו, אין דעם ברית וואס אברהם אבינו האט אים געמל'ט.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי, ושיעורו השבועי באור החיים הק'.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **חיים יהושע ראזענפעלד** הי"ו, שהתקיים באולם רויאל (פאפא).

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שמואל דוב גאטליעב** ע"ה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי באור החיים הק'.

*

***<u>שבת קודש פרשת משפטים</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **חיים יעקב גלויבער** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל המלוה מלכה השנתי לטובת המתיבתא, שהתקיים באולם תורה ויראה. **הרה"ג** רבי **נחמן גרינצוויג** שליט"א פתח את המסיבה. **הרה"ג רבי משה דוד הורוויץ שליט"א** ר"מ בישיבתנו הק' נתכבד בנזר 'הרבצת התורה'. הר"ר **חיים אריה רובין** הי"ו נתכבד בנזר 'בונה ומקים'. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** איז פאר מיר א כבוד צו באגריסן אלע משתתפים וואס זענען זיך צוזאמגעקומען צו די מלוה מלכה להחזקת המתיבתא. **איך וועל נישט מאריך זיין בשבחו פון די ישיבה, עס איז א מילתא דעבידי לגלויי, ווי מען האט פריער געהערט, ב"ה עס זיצען טייערע בחורים וואס יראת ה' חופפת על פניהם, און מען לערנט מיט א געוואלדיגע התמדה מבוקר ועד הערב.** דער חשוב'ער ראש ישיבה זאל זיין געזונט לייגט אריין אסאך כוחות אין די ישיבה, דער חשוב'ער מנהל וואס איז איבערגעגעבן פון צופרי ביז ביינאכט, ער איז נישט מסיח דעת פון קיין שום בחור אין ישיבה, אים ארויפצוהייבען אויפן העכסטן מאס וואס מען קען אים ארויפברענגען.

**איך** וויל באדאנקען פאר די אלע תומכים פון די ישיבה, די הנהלה פון די ישיבה, ובראשם דער היינטיגער אדמיניסטראטאר פון די ישיבה, רבי שמואל דוד פישער זאל זיין געזונט, און ר' יאיר און די אלע וואס טוען אים צוהעלפען אין די עבודת הקודש, רבי חיים וואס געבט אוועק צייט און געלט ווען מען דארף, און וואס עס פעלט אויס פאר די החזקה פון די מתיבתא, איז ער גרייט און ער איז שטענדיג דארט. דער אייבערשטער וועט אוודאי באצאלן פאר די אלע, דער באשעפער וועט זיי בענטשען מיט קינדער תלמידי חכמים און יראי ה', און זיי זאלן האבן הצלחה אין אלע זייערע ענינים וואס זיי טוען.

**די** וואך אין די פרשה וואס מען טרעט אריין, איז דא די מצוה פון ויקחו לי תרומה מאת כל איש

אשר ידבנו לבו, מען זאל נעמען תרומה אויפצובויען א משכן פארן אייבערשטען. ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, מען זאל מאכען א מקדש פארן אייבערשטען, ווי דער באשעפער זאל רוען. ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, אזוי ווי איך ווייז דיר די געשטאלט פון די משכן און די געשטאלט פון די כלים, וכן תעשו (שמות כה-ט), אזוי זאל מען אויך טון לדורות. רש"י טייטשט אז עס גייט ארויף אויף די כלים, אז טאמער עס וועט שפעטער פעלן איינע פון די כלים, און מען וועט עס דארפן נאכטון, זאל מען עס טון אויף דעם פארעם, וואס דער אייבערשטער האט דא מסדר געווען.

**אין** די מפרשים שטייט אבער א טיפערע כוונה דערין. צו מאכען א משכן פארן אייבערשטען, האט דער באשעפער אונז געגעבן איינמאל א מאדעל פון א משכן ווי אזוי עס דארף אויסצוקוקען, און דאס איז א פלאן לדורות. די געשטאלט פון די משכן, און די געשטאלט פון די כלים וואס איז געווען אין די משכן, דאס איז אונזער פארעם, ווי אזוי מיר דארפן מאכען א מקדש פארן אייבערשטען, ביז משיח וועט קומען. אין דעם מקדש איז געווען דער ארון, די שלחן, די מנורה, און די מזבח, וואס יעדע כלי האט געוויזען אויף א געוויסע נקודה אין עבודת ה'. און די אלע פרטים וואס געהערט צו די כלי, איז אלעס א חלק וואס מען דארף זיך אראפלערנען, ווען מען וויל האבען די זאך בשלימות.

**נאכדעם** וואס די תורה זאגט, ווי אזוי מען זאל מאכען דעם ארון, זאגט די תורה אז מען זאל מאכן א כפורת, דער ארון דארף האבען א דעקל פון ריין גאלד. ועשית שנים כרובים, די כפורת האט געדארפט האבען צוויי כרובים, מקשה תעשה אותם משני קצות הכפורת, נישט מען האט צובאהאפטן די צוויי כרובים, נאר עס מוז זיין אויסגעהאקט פונעם כפורת אליין, אז עס זאל זיין איין שטיק די כפורת מיט די כרובים. ועשה כרוב אחד מקצה מזה, איין כרוב איז געווען אויף איין זייט, וכרוב אחד מקצה מזה, און איין כרוב איז געווען אויף די צווייטע זייט, מן הכפורת תעשו את הכרובים על שני קצותיו, פונעם כפורת אליין זאל מען אויסהאקען און אויסקלאפן די צוויי כרובים. והיו הכרובים פורשי כנפים למעלה, די כרובים זאלן זיין אויסגעשפרייט מיט די פליגלען אויף ארויף, סוככים בכנפיהם על הכפורת, און זיי זאלן שיצן מיט זייערע כנפים אויף די כפורת, ופניהם איש אל אחיו, זיי זאלן זיין אויסגעדרייט איינעם צום אנדערן, אל הכפורת יהיו פני הכרובים (שמות כה-יח).

**און** אז די תורה זאגט, וכן תעשו, לדורות, דארף מען זיך אראפלערנען פון די ארון מיט די כפורת און די כרובים, וואס איז נוגע פאר אונז אויך, ווען מיר ווילן מאכען א מקדש פארן אייבערשטען. וואס איז די ענין וואס די תורה האט אונז געלערנט מיט דעם, אז עס דארף זיין צוויי כרובים פון די צוויי זייטען, און עס זאל זיין אויסגעהאקט פונעם כפורת, און אז די כרובים זענען געווען אויפגעהויבן מיט זייערע כנפים אויף ארויף, און זיי זענען געווען סוככים אויפן ארון, ופניהם איש אל אחיו, און איינס איז געווען אויסגעדרייט צום צווייטען.

**עס** שטייט אין **רבינו בחיי** (פ' תרומה), אויפן פסוק ועשית שנים כרובים, פארוואס שטייט נישט 'שני' כרובים, נאר 'שנים' כרובים. זאגט דער **רבינו בחיי**, ווייל ווי עס שטייט דאס ווארט שני, דרשנ'ט די גמרא אז זיי זענען געווען שוין, זיי זענעןביידע געווען אייניג. די שני שעירים דרשנ'ט די גמרא (יומא סב:) אז זיי האבען געדארפט זיין שוין. אבער די כרובים זענען נישט געווען שוין, איינס איז געווען א זכר, און איינס איז געווען א נקבה. עס איז געווען 'שנים' כרובים און נישט 'שני', זיי זענען נישט געווען אייניג. אין די גמרא (יומא נד:) שטייט, אז עס ווייזט אויף די ליבשאפט וואס דער רבונו של עולם האט ליב יודען, און וואס יודען האבען ליב דעם אייבערשטען, און וועגען דעם איז געווען אויסגעשטעלט אינעם בית המקדש די צורה פון א זכר און א נקבה. בשעת מען האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש, און די אויבים זענען אריינקומען אין בית המקדש, האבען זיי געטראפען אז זיי זענען געווען מעורים זה בזה, און זיי האבען אפגעשפעט פון יודען, אבער דער אייבערשטער האט געהייסען, אז אזוי זאל מען מאכען די כרובים אינעם בית המקדש. וואס לערנט אונז דאס.

**עס** קען אפשר זיין אז די כוונה איז, מען האט פריער ארויסגעברענגט אז עס איז דא לומדי תורה, און עס איז דא מחזיקי תורה. דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט די וועלט, אז נישט יעדער איינער קען זיצען אין בית המדרש און לערנען, וואיל איז דעם וואס איז זוכה אז ער קען זיין אין די ד' אמות של הלכה, אבער לאו כל אדם זוכה, נישט יעדער איינער קען צוקומען צו דעם, אבער דער אייבערשטער האט נישט געוואלט אוועקנעמען די שכר פון יעדן יוד. יעדער יוד קען האבען די זעלבע שכר, און די זעלבע שייכות צו תורה הק', ווי דער וואס זיצט אין בית המדרש און לערנט, מיט דעם וואס א יוד איז מחזיק תורה. דער תלמיד חכם וואס זיצט און לערנט, קען נישט עוסק זיין אין פרנסה, מוז ער דאך האבען איינעם וואס זאל אים מחזיק זיין. אזוי ווי יששכר און זבולון, וואס יששכר איז געווען דער וואס איז געזעצן און געלערנט, און זבולון איז געווען דער וואס איז ארויסגעגאנגען האנדלען, און זבולון האט אויסגעהאלטן דעם יששכר. שמח זבולון בצאתך ויששכר באהליך (דברים לג-יח), יעדער קען זיך פרייען. דער יששכר פריידט זיך מיט דעם וואס ער זיצט און לערנט, און דער זבולון פריידט זיך מיט דעם וואס ער איז מחזיק די תורה.

**קומט** אויס, אז כלל ישראל איז צוזאמגעשטעלט פון לומדי תורה, און פון מחזיקי תורה. איינער איז דער משפיע, און איינער איז דער מקבל. אין גשמיות איז דער מחזיק תורה דער משפיע, ער געבט, און דער לומד תורה איז דער מקבל, ער נעמט. אבער עס איז פארקערט אויך, דער וואס זיצט און לערנט תורה, דער איז נישט נאר א מקבל, ער איז אסאך מער משפיע פאר דעם נותן, ווי דאס וואס ער באקומט. די ברכה וואס דער אייבערשטער שיקט, געבט ער עס אין זכות פון די וואס זיצען און לערנען תורה. זיי זענען ממשיך די ברכות אויף די וועלט, און ווער עס האט א חלק אין זייער תורה, מאכט ער א פתח, אז ער זאל קענען האבען א הצלחה אין זיינע געשעפטען.

**האט** דער אייבערשטער געהייסען, אז מען וויל אויפשטעלן אן ארון, אז מען וויל אז דער ארון וואס דארט ליגט די תורה זאל זיך האלטן, מוז זיין שני כרובים, עס מוז זיין צוויי צורות. כרוב אחד מקצה מזה, וכרוב אחד מקצה מזה, איין כרוב ווייזט אויף דעם תלמיד חכם, וואס זיין עבודה איז צו זיצען און לערנען. און דער אנדערער כרוב ווייזט אויף דעם מחזיק תורה וואס טוט אים ארויסהעלפען צו לערנען. איינס איז געווען א זכר וואס איז א משפיע, און איינס איז געווען א נקבה וואס איז א מקבל. דער מחזיק תורה דער איז דער משפיע פארן תלמיד חכם, און דער תלמיד חכם איז דער מקבל פון איין זייט. און פון די אנדערע זייט איז דער תלמיד חכם דער משפיע, וואס ער געבט פאר דעם מחזיק תורה.

**מען** ווייסט אז ביי א איש ואשה, איז דער איש דער משפיע, און זי איז די מקבל. זי האט נישט א יד פאר זיך אליין, ווייל כל מה שקנתה אשה קנה בעלה (גיטין עז.), ער געבט און זי נעמט. עס שטייט אבער אין די גמרא (בבא מציעא נט.), אין הברכה מצויה בתוך ביתו של אדם אלא בשביל אשתו, די ברכה וואס איז דא אין שטוב קומט אריין דורך איר, כאטש זי האנדעלט נישט, אבער ווען זי טוט אין שטוב איר ארבעט וואס זי דארף צו טון, ברענגט זי אריין די פרנסה אין שטוב. דיין ברכה וואס דו ביזט מצליח, איז אין איר זכות. די גמרא דרשנ'ט דעם פסוק (בראשית יב-טז) ולאברם הטיב בעבורה, אברהם האט געהאט גענוג זכותים, אבער 'הטיב', דאס וואס דער אייבערשטער האט גוטס געטון פאר אברהם, איז געווען 'בעבורה', אין זכות פון שרה.

**קומט** אויס אז באמת איז שרה א מקבל, אבער זי איז נישט נאר א מקבל אליין, זי איז אויך דער משפיע. אז אברהם אבינו זאל קענען געבן, אז אברהם זאל קענען זיין א משפיע, דאס איז איר כח. און דאס זעלבע איז אויך אין תורה הק', ווען א יוד איז מחזיק תורה, דארט ליגט זיין ברכה, און דארט ליגט זיין הצלחה. פארוואס איז 'שמח זבולון בצאתך', פארוואס פריידט ער זיך ווען ער גייט ארויס אין די געשעפטען און ער איז מצליח, ווייל 'יששכר באהליך', ווייל אין די זעלבע צייט זיצט א יששכר און לערנט תורה, און ער איז מחזיק דעם לומד תורה, האט ער א זכות אז ער איז מצליח.

**עס** איז נישט דא היינט א חשוב'ערע תורה ביים אייבערשטען, ווי בחורים וואס זיצען און לערנען.

אין אזא מצב וואס מיר געפונען זיך היינט, אין אזא טריפה'נע וועלט, זיצען בחורים מן הבוקר עד הערב אין די ד' אמות של הלכה, און מען זיצט און מען לערנט, עס איז נישט דא א חשוב'ערע תורה ביים רבונו של עולם, ווי די תורה. עס איז דא ראשונים וואס האלטן אז דאס גייט אריין אין הבל פיהם של תינוקת של בית רבן, וואס איז אין בהם חטא, ווייל ביז די צוואנציג יאר איז מען נישט מעניש אויבען (שבת פט:), און וואס מען לערנט אין די בחורישע יארן, גייט נאך אריין אינעם גדר אז עס איז הבל שאין בהם חטא, עס ווערט נאך נישט גערעכנט ווי א חטא אויבן. **לויט די היינטיגע מצב, איז אויסצוהאלטן בחורים וואס זיצען און לערנען, נישט נאר די מצוה פון לימוד התורה, נאר אז מען זאל בלייבען א פשוט'ער יוד, אן ערליכער יוד, א שומר תורה ומצות, זיך צו האלטן ערליך, און ערציען נאכדעם ערליכע קינדער, אלעס ווענט זיך אין די פאר יאר, וואס מען זיצט און מען לערנט אין בית המדרש.**

**האט** דער אייבערשטער געזאגט, אז ווען מען מאכט אין בית המקדש די ארון, וואס דאס איז די סימבאל פאר תורה, דארף עס צו זיין ועשה כרוב אחד מקצה מזה, וכרוב אחד מקצה מזה. עס מוז זיין א מקבל, און עס מוז זיין א משפיע. א לומד תורה מיט א מחזיק תורה. דעמאלטס וועט מען קענען האלטען א געהעריגע דעק אויף די תורה, אז די תורה זאל בלייבען א נצחיות.

**און** די תורה זאגט, אז די כרובים קענען נישט זיין, אז מען זאל זיי צובאהעפטען צו די כפורת, היינט בין איך דא, און מארגען גיי איך אוועק דערפון. עס דארף זיין מקשה, עס דארף זיין איין שטיק, עס קען נישט זיין אפגעטיילט איינס פונעם אנדערן. דער לומד תורה איז נישט גענוג אז ער לערנט תורה, און ער איז מיט איין פוס אין בית המדרש, און מיט איין פוס אינדרויסן. דער לומד תורה דארף זיין מקשה, ער דארף זיין איין שטיק מיטן כפורת, וואס איז דא אויפן ארון. דער לומד תורה איז אזוי, און דער מחזיק תורה איז אזוי. דער מחזיק תורה דארף אויך זיין איין שטיק מיטן כפורת. וויסען אז זיין הצלחה איז דאס וואס ער איז מחזיק תורה, און דאס אז ער האט א חלק אין תורה הק', און אז ער וויל אז לעתיד זאל ער האבען שכר פון תורה, איז עס תלוי ווי אזוי ער האט מחזיק געווען די תורה הק'.

**והיו** הכרובים פורשי כנפים למעלה, סיי דער לומד תורה דארף לערנען ערליך, תורה לשמה, יעדע מצוה וואס א יוד טוט בלא דחילו ורחימו, לא פרחית לעילא, גייט עס נישט ארויף (תיקוני זוהר תיקון י' כה:). און סיי די צדקה דארף אויך זיין אזוי. יעדע צדקה האט א חשיבות, אפילו על מנת שיחיה בני, אבער די צדקה וואס א יוד געבט ערליך פארן רבונו של עולם'ס וועגן, די צדקה גייט ארויף אויבן. א מצוה וואס מען טוט מיט יראת ה' און אהבת ה', איז פרחית לעילא. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז די יראה מיט די אהבה דאס זענען די כנפים וואס טראגען ארויף די מצוה. זאגט דער פסוק, 'והיו הכרובים', די צוויי כרובים זאלן זיין, 'פורשי כנפים למעלה', דער לומד תורה זאל לערנען ערליך, און דער מחזיק תורה זאל מחזיק זיין ערליך, כדי די תורה זאל קענען ארויפגיין אויבן. סוככים בכנפיהם על הכפורת,ביידע צוזאמען דארפען באשיצן מיט זייערע פליגלען על הכפורת, אויף די תורה וואס ליגט ביי די כפורת.

**ופניהם** איש אל אחיו, די צוויי כרובים זאלן זיך אייביג אנקוקען איינעם דעם אנדערן. דער לומד תורה דארף זיין איינס מיטן מחזיק תורה. דער מחזיק תורה טאר נישט אראפנעמען די אויגן פון דעם וואס איז לומד תורה, ער דארף זעהן צו שטיצן תורה, אז ער זאל קענען ווייטער אנהאלטן, און נישט געשטערט ווערן פון לערנען. און פארקערט אויך, דער לומד תורה דארף מתפלל זיין, און אינזין האבען, מכוון זיין אין זיינע תפלות פאר דעם זבולון, אז ער זאל קענען מחזיק זיין תורה. און אויף דעם זאגט די תורה הק', ועשו לי מקדש אז מען וויל מאכען א מקדש לדורות, דארף מען עס אזוי מאכען, ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, וכן תעשו, אזוי זאל מען טון לדורות.

*

**עס** איז מוצאי שבת, עס איז א ענין צו דערציילען א מעשה. עס איז דא א ספר **אזנים לתורה** פון **רבי**

**זלמן סורוצקין**, ער איז געווען א גרויסער ראש ישיבה, און ער ברענגט דארט א מעשה וואס האט פאסירט ביי אים. ער האט געוואוינט אין ליטא, ווי עס איז געווען מערערע ישיבות, און די עניות איז געווען זייער גרויס, און די ראשי ישיבות דארט האבען זיך צוזאמגענומען ארויסצופארן אין אנדערע שטעט אין פוילן, און אויפרודערן אז די ישיבות גייען אונטער, ווייל עס איז נישט דא קיין געלט ממשיך צו זיין. און מאכען דארט א אפיל, צוזאמצושטעלן געלט פאר די ישיבות.

**רבי** זלמן איז אויך געווען צווישן די וואס זענען ארויסגעפארן, און ווען מען איז אנגעקומען אויף דעם פלאץ ווי מען האט געמאכט די גרויסע אסיפה, איז צוגעקומען א יוד און ער האט אים געזאגט, איך פארשטיי נישט. עס איז דא **רבי מאיר שפירא זצ"ל**, וואס האט געעפענט די ישיבה חכמי לובלין, און ער שארט גאלד. ווי ער גייט באווארפט מען אים מיט געלט, און ער בויט אויף אזא בנין ווי ישיבה חכמי לובלין. פארוואס פלאגט איר זיך אזוי, און איר קענט נישט מאכען די זעלבע קונץ וואס ער טוט. וואס איז די הצלחה אז **רבי מאיר שפירא** האט מצליח געווען אויפצושטעלן אזא בנין לשם ולתפארת, וואס האט אפגעקאסט א הון תועפות, און ווי ער איז געווען האט מען אים באווארפען מיט געלט, און פארוואס די ישיבה וואס מען דארף נאר אויסהאלטן די החזקה דערפון, קען איר זיך נישט אליין באפארערן דערמיט. אזוי האט מען אים געפרעגט.

**האט** אים רבי זלמן געזאגט, איך וועל אייך ענטפערן דערויף. מען זעהט ווען דער אייבערשטער האט געהייסען מאכען די משכן, זאגט רש"י (שמות כה-ב) אז עס איז געווען שלש תרומות. עס איז געווען איינס וואס מען האט געדארפט בויען די משכן, און פאר דעם האט מען נישט געצווינגען קיינעם צו געבן געלט, ויקחו לי תרומה, מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי, ווער זיין הארץ וועט מנדב זיין צו געבן זאל געבן, און ווער עס וויל נישט געבן זאל נישט געבן. דער באשעפער האט נישט געהייסען, אז יעדער איז מחוייב צו געבן געלט צו בויען א משכן.

**נאכדעם** האט מען געדארפט האבען אז מען זאל מקריב זיין קרבנות אין די משכן, און פאר דעם האט יעדער יוד געדארפט געבן א מחצית השקל. העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט, יעדער האט געדארפט געבן געלט צו האבען א חלק אין מקריב זיין די קרבנות. פארוואס צו די משכן האט דער אייבערשטער נישט געהייסען אז מען מוז געבן, נאר מאת כל איש אשר ידבנו לבו. און אויף מקריב צו זיין די קרבנות, אז עס זאל זיין געלט אויף קרבנות, דארף יעדער יוד געבן. אז עס איז דא געלט אז מען זאל קענען אויפשטעלן די משכן, וועט זיך טרעפן אפאר נגידים וואס זאלן אויסצאלן דעם קרבן תמיד און דעם קרבן מוסף וואס מען דארף מקריב זיין. און די תורה זאגט, ניין, איך וויל אז יעדער יוד זאל געבן א מחצית השקל, אויף מקריב צו זיין די קרבנות.

**האט** ער געזאגט אזוי, די טבע פון א מענטש איז, אז אויף צו בויען א בנין, דארט געבט ער געלט. מען געבט אים א פראדזשעקט, מען גייט יעצט בויען עפעס, דארט וועט ער געבן א גרעסערע סומע געלט אויך. ער וויל האבען א שטוב, אדער א פענסטער, אדער א טיר, עפעס וועט ער האבען אין דעם בנין. ווען דער בנין איז שוין פארטיג, און מען דארף נאר האבען געלט אויף אויסצוהאלטן די לומדי תורה, אויפן טאג טעגליכן באדזשע"ט, ווארפט ער צו אפאר דאלער, עס האט נישט ביי אים אזא גרויסע חשיבות, ווי אהער צושטעלן א בנין. אזוי איז די נאטור פון מענטשען.

**האט** רבי זלמן סורוצקין געזאגט, ווען דער אייבערשטער האט געזאגט, אז מען גייט בויען א פרישע בנין, דארט דארף מען נישט צווינגען קיינעם, אז מען זאל געבן געלט. מאת כל איש אשר ידבנו לבו, ווען עס איז דא א פראדזשעקט פון בויען, וועלן יודען געבן געלט. עס האט גענומען צוויי טעג צוזאמצושטעלן דאס גאנצע זילבער און גאלד וואס מען האט געדארפט פארן משכן, ווייל עס איז א נייע פראדזשעקט, און יעדער וויל געבן. אבער דער רבונו של עולם האט געוויסט, אז ווען די משכן וועט שטיין, און מען וועט דארפן האבען געלט מקריב צו זיין די קרבנות טאג טעגליך, וועט נישט זיין קיין געלט, מען וועט

זיך נישט קענען פארלאזען אויפן ידבנו לבו. וועגן דעם האט די תורה מחייב געווען יעדער יוד זאל געבן א מחצית השקל, כדי אז עס זאל קענען זיין די הקרבת הקרבנות.

**וועט** מען דאך מיינען אז עס איז טאקע אזוי, אז עס איז חשוב'ער צו בויען א משכן, ווי צו מקריב זיין די קרבנות, עס איז נישט אזוי. די הלכה איז אז מקריב זיין די קרבנות, דעם קרבן תמיד און דעם קרבן מוסף, איז מען מחוייב מקריב צו זיין אויך אין שבת, עס איז דוחה שבת. אבער בנין המשכן איז נישט דוחה שבת, די בנין המשכן איז נישט אזא גרויסע מצוה ווי מקריב זיין די קרבנות אינוויינ‏יג. נאר כדי מען זאל קענען מקריב זיין די קרבנות, דארף מען האבען א משכן דערצו. כאטש די הקרבת הקרבנות איז חשובער, אבער מענטשען געבן ענדערש געלט צו בויען א משכן, אבער נישט אויפצוהאלטן ווען די משכן שטייט שוין.

**אין** הלכה געפונט מען אויך אזוי, (מיר האלטן יעצט ביי די שיעור אין שול ביי הלכות בית הכנסת), די הלכה איז, אז ווען מען פארקויפט א זאך, און מען וויל עס טוישן פון איין זאך אויף די צווייטע זאך, קען מען נאר משנה זיין פון א קדושה קלה צו א קדושה חמורה. בויען א בית המדרש איז א קדושה קלה, ווען מען וויל עס טוישן, קען מען קויפן דערמיט א ספר תורה. אבער מען טאר נישט פארקויפן א ספר תורה, ווייל מען דארף בויען דעם בית המדרש, ווייל א ספר תורה איז אסאך הייליגער. א ספר תורה טאר מען נישט פארקויפן צו בויען א ישיבה, אבער אז מען דארף מחזיק זיין ללמוד תורה, צו לערנען תורה, מעג מען פארקויפן א ספר תורה, צו לערנען תורה. אויף צו בויען דעם בנין נישט, אבער ווען דער בנין איז דא, און מען וויל לערנען תורה, און עס איז נישט דא אויף אויסצוהאלטן, איז עס א העכערע קדושה ווי א ספר תורה, און מען מעג פארקויפן א ספר תורה, כדי ללמוד תורה.

**זעהט** מען דאך, אז צו בויען דארט געבן מענטשען געלט, אבער א זאך וואס איז שוין דא, דארט איז שוין שווער צוזאמצושטעלן. האט אים רבי זלמן געזאגט, די וועסט זעהן אז רבי מאיר שפירא וועט אויפבויען זיין בנין, אבער ווען ער וועט האבען די בנין פערטיג, וועסטו זעהן ווי ער וועט זיך פלאגען אז ער זאל עס קענען נאכדעם אויסהאלטן. ווייל אויף צו בויען געבן מענטשן געלט, אבער ווען עס איז שוין דא דער בנין, און מען דארף אויסהאלטן די לומדי תורה, וואס דאס איז חשוב'ער פון דעם בנין, דארט וועסטו זעהן אז ער וועט זיך אויך פלאגען אזוי ווי אנדערע. און עס איז טאקע אזוי געווען, נאכדעם וואס ער האט געהאט אויפגעבויט דעם בנין, האט ער זיך שטארק געפלאגט אז ער זאל קענען אויפהאלטן זיין ישיבה.

**ביי** אונז אין די מתיבתא, ווי מען האט פריער גערעדט, אז עס איז דא אזעלכע מענטשען וואס האבען ליב צו געבן פאר א בנין, און עס איז דא וואס האבען ליב מחזיק צו זיין תורה. **מיר האבען יעצט די אויסוואל פוןביידע. ב"ה מען זיצט און מען לערנט פלייסיג, און די מחזיקי תורה דארפען אויסהאלטען די לומדי תורה. אבער מיר האלטן אויך אינמיטן בויען, מען האט יעצט אויפגעבויט א פרישע שטאק פאר די מתיבתא דא אין שטאט. מען האט יעצט אויפגעבויט א פראכטפולן בית המדרש אין קעמפ.** די וואס זענען דארט געווען ווייסען, אז אין די זייט איז געווען סקייוויא"ו, און דארט האט מען יעצט אויפגעבויט א שיין גרויס בית המדרש דארט צו לערנען. **מען קען האבען א חלק סיי אין די בנינים וואס מען האט געבויט, און מען קען האבען א חלק אין די החזקת התורה פון די וואס לערנען תורה.**

**בכלל**, מען רעדט צו אנשי שלומינו פון אונזער קהלה, די קהלה גייט לעצטענס אדורך שווערע זמנים אין געלט ענינים, אבער פון די אנדערע זייט בויט מען אין אלע ווינקלען. **מען האט יעצט אפגעקויפט א מיידעל קעמפ**, פארן קומענדיגען זומער אי"ה, וואס מען האט נישט געהאט קיין קעמפ ביז יעצט. **מען איז ארייגעשפרינגען איבער צובויען די שול מיט די מקוה**, און עס האט שוין געקאסט ביז יעצט מיליאנען. מען קען האבען א חלק אין עבודת הקודש, סי אין אויסהאלטען, און סיי העלפען בויען. **ב"ה די יונגעלייט אין מאנסי האבען זיך לעצטענס צוזאמגענומען און זיי בויען א נייע בית המדרש פאר די יונגעלייט**, מען גייט שוין אין די טעג בקרוב אנהייבען צו בויען. **מען שטעלט**

**יעצט אויף א נייע מיידעל סקול אין מאנסי, און א נייע ישיבה קטנה אין מאנסי, און ביי אונז דא אין די שטאט א נייע ישיבה גדולה.** מען בויעט פון אלע זייטען, כל אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי, ווער עס פילט אז ער האט א חשק צו געבן געלט אויף בנינים, הרי שלך לפניך, עס איז דא צו בויען בנינים, אבער חשובער פון דעם אלעם איז, ווען מען געבט געלט פשוט פאר לומדי תורה, אויסצוצאלען יעדע וואך אז א מגיד שיעור זאל קענען לערנען מיט א כתה פון בחורים, דאס איז א געוואלדיגע חשיבות, און עס וועגט איבער מער דאס וואס מען טוט געבן פאר בויען א בנין. און פאר דעם האט דער אייבערשטער געזאגט, אויף בויען א בנין איז כל אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי, אבער אויף עס אנצוהאלטען אויף שפעטער, אויף דעם האט יעדער איינער געדארפט געבן א מחצית השקל.

**מען** זיצט דאך דא צווישן מחזיקי תורה, וואס קומען זיך צוזאם באמת מיט א לב שלם, צוצוהעלפען פאר תורה. **עס זענען דאך אלע תלמידים וואס האבען פון דא יונק געווען, פון דא האבען זיי באקומען זייער חיות דקדושה וואס זיי האבען שפעטער, און זיי שטעלן ב"ה אליין אויף שיינע שטובער, אין דעם זכות וואס מען טוט צוהעלפען פאר תורה, האט קיינער נישט דערלייגט. דורך דעם וואס א יוד געבט פאר תורה דארט ליגט זיין ברכה, דאס וואס מען געבט אוועק פאר תורה, מען זיצט און מען לערנט תורה דורך זיין געלט, דאס געבט אריין א ברכה אין זיינע געשעפטען.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז סיי די לומדי תורה, און סיי די מחזיקי תורה, די כרובים וואס שטייען שטענדיג אויף דעם ארון, וואס זיי טוען היטן דעם ארון, זאלן געבענטשט ווערן מיט שפע ברכה און הצלחה. דער אייבערשטער זאל געבן, אז די אלע וואס זענען מחזיק תורה, זאלן זייערע געשעפטען געבענטשט ווערן מיט וואס זיי דארפען האבן. היינט דארף מען האבן א גרויסע ברכה אויף קינדער, אז די קינדער זאלן אויסוואקסען ערליך, יראי ה' וחושבי שמו, זיי זאלן נישט פארפאלן ווערן אין די היינטיגע גאסן, נישט פארפאלן ווערן אין די היינטיגע נסיונות וואס מען האט. ווען א יוד טוט פאר תורה, האט ער א זכות אז דער אייבערשטער זאל אים העלפען, אז פון זיין שטוב זאל זיך נישט אפטון תורה, לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך. אין זכות פון תורה זאלן מיר זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.